אויפן צווייטן טאָג האב איך געזאגט, אז איך וויל ארויסגיין אביסעלע זיך באקענען מיט דער וועג און מיט דעם דארף. איך האב גענומען נאשעק׳ס אינגעלע, ווייל עד האט געקענט דעם וועג, און איך בין מיט אים ארויס אין דאָרף און האב מיט אים צונויפגענומען צוויי זעקלעך קארטאפל מיט א פאר שטיקלעך ברויט. און מיר האבן זיך געלאזט גיין צוריק אהיים, דאס הייסט אין וואלד. ווי מיר זענען געקומען זענען די מאַמעס צוגעגאנגען צו אונדז און געפרעגט ווי זענען מיר אזוי שנעל צוריקגעקומען און זענען געווען זייער צופרידן, וואס איך האב געבראכט אין צוויי שעה קארטאפל. איך בין ארומגעגאנגען אין וואלד זיך באַקענען מיט די בוימער און גענומען פארשידענע סימנים, טאמער עס פאסירט עפעס, זאל איך וויסן ווו זיך דרייען. איינמאל ווען איך בין געשטאנען אין וואלד נעבן א בוים, קומט צו מיר איין יונגערמאן און בעט מיר צו איך קען אים עפעס העלפן. איך גיי מיט אים אפשר דריי הונדערט מעטער, ווייזט ער מיר ווו עס ליגט זיין ווייב און זיין קינד און איך האב געהאלפן זיי באגראבן. ווי דער טאַטע האט מיר דערציילט האָט דער ייד דערשטיקט די פרוי מיט דעם קינד, ווייל זיי האבן געבעטן עסן.

די מאמע האט צוגעגרייט עסן און מיר האבן געעסן צוזאמען און צופרידן, אז מיר זענען אלע צוזאמען. די מאמע האט מיר געבעטן, אז איך זאל יעצט בלייבן אין וואלד מיט זיי א וואָך צוויי, ווייל עסן איז דא גענוג. האב איך איר געענטפערט, אז יעצט קען מען גיין כל זמן עס איז שיין, ווען עס וועט קומען דער ווינטער, וועל איך קענען זיצן אויף איין פלאץ. האב איך איר געבעטן, אז איך וויל נאר דאס מאל אליין ארויסגיין, האט זי מיר דערלויבט און איך בין אוועק און צונויפגענומען אביסל קארטאפל מיט ברויט. ווי איך בין געקומען מיט דעם זעקל מיט עסן, האט דער טאטע מיט געבעטן, אז מער זאל איך נישט גיין, ווייל מענטשן רעדן, אז איך בין יעצט געקומען און מ׳שיקט מיר שוין ארום איך זאל ברענגען עסן. האב איך גענומען מיינע שוועסטערלעך און ברודערל און מיר זענען אריין אין סכאָן און מיר האבן זיך דערציילט פארשידענע מעשיות. מענטשן האָבן זיך ארומגעדרייט אין וואַלד געשוואָלענע פון הונגער, פון שמוץ און פון קעלט. זיי האבן זיך אליין אפגעלאזט. איך געדיינק, ווי איך בין געווען אין די פאסטומיטער וועלדער האב איך געזען פארשידענע פרויען, וואס זייערע מענער זענען געווען אין דעם וואלד ווו מיינע עלטערן. בין איך צוגעגאנגען און האב געפרעגט די מענער וועגן דעם. האבן זיי מיר געזאגט: זאלן זיי זיין געזונט דאָרטן און מיר דא. עס איז שו ן געווארן קאלט, בין איך מיט דעם טאטן געגאנגען מאכן א סחראָן אויף ווינטער. ער האט געוואלט זיין מיט זיינע ברידער צוזאמען. מיר האבן געענדיקט בויען דעם סחראָן און מיר האבן געוואלט ברייגען די מאמע מיט די קינדער. ווי מיר שטיין אזוי הערן מיר פלוצלינג, אז מען שיסט נישט ווייט פון אונדז. איך מיט דעם טאטן זענען גלייך אריין אין סחראָן פון זיין ברודער און מיר האבן זיך פארמאכט. די מאמע מיט נאך פרויען, וואס זענען געווען צוזאמען מיט איר, האבן געהערט ווו מען שיסט דארטן ווו מיר מאכן דעם סחראָן, האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען או שרייען. איך האב געוואָלט גיין צו דער מאַמע, אפשר וועל איך קענען זיך ראטעווען מיט זיי, האבן דעם טאטנס ברידער מיר נישט געלאזט גיין. האב איך געגעבן א געשריי, אז איך וויל גיין ראַטעווען די מאמע, האב איך געקריגן א קלאפּ פון שיקע, דעם טאטן׳ס ברודער, אז איך האב נישט געוווסט וואס עס טוט זיך מיט מיר. אין איין

מאל הערן מיר, אז דאס שיסעריי איז נעבן דעם פלאַץ ווו די מאַמע איז געווען, דערנאך האבן מיר געהערט אז מ׳רעט דייטש נעבן אונדזער סחראָן. האבן מיר פארשטאנען, אז דא זענען מיר פארפאלן, ווייל פונ׳ם סחראָן צו אנטלויפן איז שווער. מ׳האט אנגעהויבן זאגן וידוי און מ׳האט זיך געגרייט צום טויט. נישט ווייט פון אונדזער סחראָן איז געווען אנאנדער סחראָן מיט מענטשן און ווייל עס איז געווען זייער הייס, האבן זיי אַראָפגענומען דאס דעקל פון דעס סחראָן צו כאפן אביסל לופט. ווי זיי האבן אויפגעמאכט אביסל. האבן דאס די מערדער דערזען און גלייך אנגעהויבן ווארפן גראַנאַטן אין סחראָן און מ׳האט געהרגעט אסך מענטשן און אסך מער פארוווּנדעט. דערנאך האבן זיי זיך ארומגעדרייט נעבן אונדזער סחראָן און געשריגן: דא מוזן נאך זיין יודן. אבער זיי האבן אונדז נישט געקענט געפונען. מיט דער צייט איז געווארן נאכט און די דייטשן האבן מורא געהאט צו זיין אין וואלד באנאכט, זענען זיי אוועק.

מיר האבן שוין מער נישט געהערט שיסן און מיר האָבן געוואָלט ארויסגיין. אין דעם הערן מיר ווי מ׳דרייט זיך ארום, האבן מיר מורא געהאט ארויסגיין. דאס זענען געווען די פארווונדעטע, וואָס האָבן אונדז געזוכט מיר זאלן זיי ראטעווען. מיט דער צייט האבן מיר געהערט, אז זיי רעדן יידיש. זענען מיר ארויס פון דעם סחראָן און מיר האבן געזען דעם חורבן, וואס די מערדערס האבן געמאכט. מיר האבן אנגעהויבן ראטעווען די מענטשן, וואס האבן נישט געקענט ארויסגיין פון זייער סחראָן, ווייל ער איז געווען איינגעפאלן פון די גראנאטן. מיר האבן געענדיקט אלעס וואס מיר האבן געקענט, ווייל עס איז געווארן זייער שפעט, און מיר האבן מורא געהאט, אז עס וועט ווערן טאג וועלן די דייטשן צוריק קומען. איך מיט דעם טאטן זענען גלייך אַוועק ווו די מאמע איז געווען און מיר האבן זיי נישט געטראפן, אין סחראָן. האבן מיר פארשטאנען, אז ווען עס איז געווען די שיסעריי זענען זיי זיך צולאפן. מיר האבן זיך פארנומען אין א צווייטן וואלד, וואס האט זיך אנגערופן מיט דעם נאמען מעדוועדיפקע, ווו מיר האבן אָנגעהויבן אלעס אויפסניי. עס איז געווען זייער קאלט און דער שניי האט אלעס פארדעקט. מיר פלעגן ארויסגיין איינמאל אין דער וואך בעטן עסן. אין מעדוועדיפקע איז געווען אביסל שווער מיט וואסער, ווייל דער שניי, וואס מיר פלעגן צו טאפען פלעג האָבן א ריח פון סאסנע און מ׳האט דאס נישט געקענט טרינקען. פלעגן מיר גיין אפשר דריי אדער פיר קילאָמעטער צו ברענגען וואסער. דארטן ווו מיר האבן גענומען די וואסער, זענען געווען עטליכע משפחות פון א צווייטער שטאט נישט ווייט פון טוטשין. איינמאל ווי מיר ליגן אזוי אין סחראָן און רעדן, האבן מיר פלוצלונג געהערט עטליכע שאסן פון א אווטאמאט. דער קול איז געקומען נישט ווייט פון די דאזיגע משפחות. נאך א דריי טעג בין איך מיט יענקעלע רוינעס פון זאמד געגאנגען ברענגען וואסער, האבן מיר געזען אַטויטן קערפער, וואס ליגט אויף דעם וועג און מיר האבן זיך דערשראקן. דאס איז געווען א מיידל פון אפשר איין און צוואנציק יאר, וואס מעהאט איר דערהרגעט או דערנאך האט מען איר מיט

און דורך, אז איך מיט יענקעלען האָבן נישט געקענט ארויסנעמען. ווי מיר זענען צוגעגאנגען זען די פאָר משפחות, האבן מיר געזען א שפיציקן דרענגעלע דורכגעהאַקט דורך דעם גוטן ארט דורך ווו זייערע סחראָנען זענען פארברענט און זיי ליגן דערהרגעט. ווי איך מיט יענקעלען האבן דאס געזען, האבן מיר גלייך גענומען וואַסער און וואס שנעלער אוועק צוריק זייער דערשראקן. ווי מיר זענען אריינגעגאנגען אין אונדזער סחראָן, האט מען געזען אויף אונדז, אז עפעס איז פארגעקומען, ווייל מיר זענען געווען ווייס ווי שניי. האבן זיי אונדז געפרעגט וואס איז געשען, האבן מיר זיי דערציילט וואס מיר האבן געזען אויפן וועג און ביי דעם וואסער. האָבן זיי געענטפערט, אז די לאגע איז נישט גוט און מיר דארפן זוכן א צווייטן פלאץ. האב איך געהערט, אז נוסיק שפרינץ האט געזאָגט, ווו וועלן מיר יעצט גיין, אז אלעס איז באשאטן מיט שניי און די ערד איז געפרוירן, אז מ׳קען נישט גראבן. האט מען באשלאסן, אז מיר וועלן בלייבן אויף דעם פלאץ און וואס וועט זיין וועט זיין.

מיר זענען ארויסגעגאנגען פון דעם סחראָן און געמאכט אביסל ארדענונג, אז מ׳זאל נישט קענען דערקענען, אז דא זענען דא מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן זיך היטן און ווינציגער זיך ארומדרייען. מיר זענען געזעסן אזוי א גאנצן מאָנאַט אין סחראָן און נישט געגאנגען נאך וואסער. מיר האבן געטאָפּעט שניי און געטרונקען. איין מאל האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן צוגיין צו דעם פלאץ, ווו מ׳האט געהרגעט די פאָר משפחות, און זען אפשר איז עמיצער געבליבן פון זיי. איך בין אויך מיטגעגאַנגען און מיר האבן געזען, אז אלעס איז געווען פארשאָטן מיט שניי, האָבן מיר צוביסלעך צונויפגענומען די געהרגעטע און מיר האבן זיי אריינגעלייגט אין איין צובראכענעם סחראָן און מיר האבן זיי פארשאטן. עס זענען אוועק א פאר טעג, זענען מיר געווארן קראנק אויף טיפוס. איך גלויב, אז דאס איז געווען דערפאַר, וואָס מיר האבן זיך געפאָרעט מיט די טויטע. אָבער איך האב באשלאסן, אז איך מוז ארויסגיין פון דעם סחראָן און זיך שלעפן אויף אלע פיר, ווייל טאמער וועל איך ליגן בין איך א פארטיקער. איך האב זיך אזוי געשלעפט אין שניי ביז עס איז מיר געוואָרן אביסל גרינגער. נאר ליידער איז מיין טאטע געווען זייער קראנק און ער האט געדארפט פוטער אויף זיך ראטעווען. האט ער געגעבן זיינע ברידער איין צענער גאָלד, אז זיי זאלן ברייגען א שטיקל פוטער, האבן זיי געבראַכט חזיר און דער חזיר האָט אים געשאט און ער איז געשטארבן.

ווי מיין טאטע איז געשטארבן, זענען מיר ארויס נישט ווייט פון סחראָן און געמאכט א גרוב און אים באַגראָבן. נאכדעם איז די לאגע געוואָרן פאַר מיר נישט גוט. איך האב מורא געהאט, אז זיי זאלן מיר נישט דורכטרייבן פון זיי. זיי פלעגן מיר זייער שטארק אויסנוצן פון אלע זייטן, און איך האב געמוזט שווייגן, ווייל טאמער נישט וועלן זיי מיר דורכטרייבן. איך האב געהאט א פאר גוטע שטיוול, וואס

דער גוי האט מיר געגעבן, האבן זיי די שטיוול צוגענומען און אויסגעביטן פער אכט ברויט און פאַר מיר האבן זיי געבראכט א פאר טרעפּעס פון די אכט ברויט. איך האב מורא געהאט צו עסן, ווייל ווען איך פלעג עסן פלעגן זיי שרייען, אז איך עס צו שנעל. איך פלעג ליידן געוווּג פון זיי. איך בין ווידער געגיין בעטן עסן. איך פלעג דורכגיין אפשר 20 שטובער און האב צונויפגענומען א זעקל קאַרטאָפל און ברויט און אפילו א שטיקל פלייש. ווען איך בין געווען פול, האב איך זיך געלאזט צוריק אין וואלד. ווען איך בין אריין אין וואלד, האב איך זיך אוועקגעזעצט און וואָס עס איז געווען געשמאק האב איך אויסגעגעסן, און דערנאך האב איך גענומען דאס פעקל און זיך געלאזט אין וועג. איך האב געוווּסט, אז ווען איך וועל עס ברענגען וועל איך גאָרנישט קריגן, האב איך זיך אנגעפילט אויף א וואך. מ׳פלעג קאכן די קאַרטאָפל און עסן מיט דער לופּע, אָבער מיר האבן זיי געהייסן עסן אן דער לופּע, און ביז איך האב אפגעשיילט א קארטאפל האבן זיי אויסגעליידיגט דעם טאפּ. איינמאל בין איך אריין אין שטוב בעטן עסן. האט מיר די גויע געזאגט, איך זאל איר זאָגן א גוט וואָרט. האָב איך איר געפרעגט, וואָס איז געשען, האָט זי מיר דערציילט, אז זינט עס האט אויס־געבראכן די קריג ווייסט זי נישט פון איר מאַן. זאָג איך איר אזוי: אין א קורצע צייט ארום וועסטו זיך פרייען. האָט זי מיר געגעבן א עמער קארטאפל און א האַלב ברויט און איך בין אוועק. איך בין מער נישט געגיין בעטן ביי דער גויע און איך האָב פארגעסן פון איר.

אין וואַלד האָב איך געקריגן קרעץ אויף די הענט און קיין מיטל האט נישט געהאָלפן, האב איך געוואַשן די הענט מיט השתנה ביז איך האב געפילט, אז עס ווערט מיר ווארעם און גרינגער. איינמאל בין איך אריין אין א שטוב בעטן עסן, האב איך באַמערקט, אז איינער זיצט אויפן אויוון און קרעכצט. האָב איך אים געפרעגט און ער האָט מיר געוויזן די הענט און איך האָב געזען, אז ער האט דאס זעלבע וואס איך האב געהאַט. האב איך אים דערציילט וועגן מיין מיטל און איך האב זיך געלאזט אויפן וועג. איך פלעג גיין איינמאל אין דריי וואכן. דאס דאָרף איז געווען אזוי גרויס, אז איך פלעג זיין אין דער זעלבער שטוב איינמאל אין זעקס וואָכן. מיט דער צייט האב איך פאַרגעסן אַלעס וואס איך האב געזאגט דער גויע און דעם גוי מיט די קרעץ. איין מאל, דאס איז געווען אויף זייער א יום טוב פון ניי־יאר, בין איך ארויס בעטן עסן. ווי איך בין אריין אין א שטוב, האט מען מיר געזאגט, אז די גויע וואס ווינט אין עק פון דארף זוכט מיר. האב איך זיך דערשראקן, אבער איך בין צוגעגיין. ווי איך גיי, זע איך פון דער ווייטן, אז עס דרייט זיך א מאן נעבן איר. האב איך פארשטאנען, אז איך האב געטראָפן. ווי איך גיי אריין אין שטוב, איז די גויע צוגעלאָפן צו מיר און מיר אנגעהויבן קישן און מיר צוגעפירט צו איר מאן און דער־ציילט, אז דאס בין איך, וואס האב איר געזאגט א גוט ווארט.

האט דער מאן געזאגט, איך זאל בלייבן מיט זיי איבערן ווינטער. בין איך געווען צופרידן און געזאגט, אז איך וועל נאר צו וויסן געבן, אז איך בלייב ביי זיי. ווען איך בין געקומען צוריק אין זייער שטוב, האבן זיי מיר אפגעוואשן און געגעבן ריין אונטערוועש. איך פלעג פאָרן מיטן גוי אין וואַלד ברענגען האָלץ און צוזעגן. איך בין געווען צופרידן, אז איך האב ווו צו לייגן דעם קאפ ווי א מענטש. ווען איך בין געווען ביי דעם גוי, זענען געקומען מיינע פעטערס בעטן עסן און ער האט געגעבן וואס ער האט געהאט.

אזוי בין איך געווען מיט דעם גוי איבערן ווינטער. ווען עס איז געקומען דער זומער איז געווארן גרינגער, ווייל אין וואלד האט מען געקענט ווינען אום זומער זייער גוט. מיר האבן געפונען אין וואלד סחראָנען פול מיט וואסער און אין זיי זענען געווען טויטע מענטשן דערטרונקען פון דעם צוגאנגענעם שניי. א סך מענטשן זענען געליגן מיט טיפוס און עס איז נישט געווען ווער עס זאל זיי ראטעווען מיט עסן און הילף. איך האב געזען אין וואלד מאילע פוקס פון דער ראליצע מיט זיין מאמע און שוועסטער, וועלכע זענען געווען טויט. איך האב זיי ארויסגענומען אויף באגראבן, אבער עס איז געווען שווער, האב איך ארויסגעשאַרט די ערד און האב ארויסגענומען צוויי באלקעס פון דעם סחראָן, איז איינ־געפאלן דער דאך און האָט זיי פארשאטן. איך פלעג ארומגיין אין וואלד יעדן טאג און באגראבן אונדזערע ברידער און שוועסטער. דערנאך זענען מיר אריבער אין אנאנדער וואלד. דער וואלד האט געהייסן קודרענקע. דארטן זענען מיר געווען א גאנצן זומער. איין מאל ווי מיר זיצן און רעדן, זע איך פון דער ווייטן שקצים מיט געווער. איך האב גלייך געגעבן א געשריי, אז מ׳האט אונדז ארומגערינגלט. עס איז געווען צו שפּעט זיך צולויפן און מיר זענען געווען שטאַרק דער־שראָקן. אבער זיי זענען געווען בולבאָווצאס און זיי האבן אונדז געזאגט, אז זיי טשעפּען נישט קיין יידן, זיי קעמפן נאר פאר א פרייער אוקראינע. די גויעס פונם דארף פלעגן אונדז ברענגען קאשעקעס מיט קאָראבקעס מיר זאלן זיי קלייבן יאַגאָדעס. איך בין ארומגעגיין אין וואלד קלייבן יאגאדעס ביז איך האָב פארבלאנדזעט. איך האב זיך ארומ־געדרייט אפשר א וואָך צוויי ביז איך בין ארויס צוריק פון וואלד.

עס האט אנגעהויבן ווערן א ביסל קאלט. דאס איז געווען דער צווייטער ווינטער אין וואלד. איינטאג איז געווארן א געשריי, אז די באנדעראָווצעס הרגענען פאליאקן. זיי פלעגן אָנפאַלן אויף א דארף און עס פארברענען און אויס הרגענען די מענטשן. די פאליקאַן האבן אנגעהויבן זיך צולויפן. ווער עס האט געקענט איז געלאפן אין שטאט און א סך זענען אוועק ווייטער, ווו עס זענען געווען מער פאליאקן ווי אויך פּאַרטיזאנער. די פאליאקן האבן אונדז געבעטן, אז מיר זאלן גיין מיט זיי. אבער זיי זענען זיך צולאָפן און מיר זענען געבליבן. מיר האבן זיך באַזעצט אין זייערע שטיבער און מיר האבן אנגעהויבן פירן א נייעם לעבן. מ׳ר

פלעגן ארויסגיין באנאכט און כאפן זייערע הינער, זיי קוילן און קאכן און אויפעסן. די פאליאקן האבן געוווסט, אז מיר יידן האבן זיך באזעצט אין זייערע שטיבער און דאס האט זיי זייער פארדראָסן.

מיט איין מאל האבן מיר געהערט אז באבע מיט די קינדער און מאן וווינען נישט ווייט פון אונדז. זענען אוועק אורע מיט ינעקעלען און האבן זיי געבראכט. די שמחה איז געווען גרויס, אז מיר האבן נאך מענטשן פון דער משפחה וואס לעבן. איך געדיינק, אז עס פלעגן קומען די בולבאָווצעס און זיי זענען געווען פאַרשטעלט אלץ רוסישע פארטיזאנער און פלעגן פרעגן, וואס מיר מאכן און ווי אזוי מיר פילן זיך. זיי האבן אונדז געזאגט, אַז מיר זאלן נישט מורא האבן און מיר זאָלן זיי דערציילן וואס מיר ווייסן וועלן זיי אונדז העלפן. מיר האבן זיי געענטפערט, אז מיר זען קיינעם און מיר האבן גארנישט געהערט. האבן זיי אונדז פארשריבן און געזאגט, אז מיר קענען זיין רוהיק. אויך האבן מיר געהערט, אז דער רוסישער פראנט דערנענטערט זיך און מיר זענען געווען זייער צופרידן. אין דעם דארף, וואס מיר זענען געווען, האבן געלעבט אפשר דריי הונדערט יידן. זיי זענען נישט געווען צוזאמען נאר צוווארפן אויף פארשידענע פלעצער. איך געדיינק ווי היינט, אז עס איז געווען שוין קאלט און פראָסטליך און מיר פלעגן זיצן אין שטוב און קלערן, וואס וועט זיין דער סוף און ביז וואנעט וועלן מיר זיך מוטשען. מיר פלעגן זיך לייגן שלאפן מיט דעם אנטון. אז אלע זענען געגיין שלאפן, פלעג איך נאך זיצן, טאמער וועט עפעס פאסירן וועל איך זיין גרייט. איין מאָל קומט צולויפן א ייד און גיט א געשריי: יידן, ראַטעוועט זיך ווייל מ׳הרגעט אונדז. ווי מיר האבן דאס געהערט, איז געווארן א בהלה, ווייל א סך זענען געשלאפן, און די קינדער האבן אנגעהויבן מאכן א געוואלד. מיר זענען גלייך ארויס פון שטוב און מיר זענען געלאפן ווייטער, ווו עס זענען געווען נאך יידן און מיר האבן זיי אויפגעוועקט און אריין אין וואלד און זיך געלאזט גיין צו דעם סלוטש, ווו עס זענען געווען די פארטיזאנער. מיר זענען אנגעקומען צו דעם טייך און עס איז געווען שווער צו דורכגיין, ווייל עז איז געווען זייער טיף און קאלט. מיר האבן זיך געדרייט און געזוכט א וועג ווו מ׳קען דורכגיין. ווו מיר דרייען זיך ארום, הערן מיר א קול פון דער צווייטער זייט: ווער גייט? האבן מיר געענטפערט: יידן. האט מען אנגעהויבן שיסן אויף אונדז און מיר זענען זיך צולאָפן. איך בין געבליבן מיט שיקען און אורען און מיר האבן געפונען שטרוי אויפן פעלד און מיר האבן זיך ארייינגעלייגט און געבליבן ביז אין דער פרי. ווען מיר זענען ארויס, האבן מיר געזען א שטוב נישט ווייט פון אונדז, זענען מיר צוגעגיין צו דער שטוב און מיר זענען אריין. די גויים האבן אונדז געגעבן קאַרטאָפל מיט מילך או מיר האבן זיך דערקוויקט דאס הארץ. דערנאך האבן מיר זיי געפרעגט וואס הערט זיך. האבן זיי אונדז דערציילט, אז די רוסישע פארטי־

זענער געפונען זיך נישט ווייט פון דארט און די דייטשן אטסטופאיען.

דאס איז געווען שוין ווינטער, אפשר יאַנואר אדער פעברואר 1944. מיר האבן באַשלאָסן, אז מיר וועלן בעטן דעם גוי צו מיר קענען בלייבן ביי אים ביז מארגן. האט דער גוי געזאגט, אז מיר קענען בלייבן וויפיל מיר ווילן. זענען מיר געבליבן און מיר האבן גערעט צו זיך אליין, אז מיר האבן דערלעבט די ישועה. מיר האבן אנגעהויבן שמועסן מיט די גויים און זיי האבן אונדז געפרעגט, ווו מיר זענען געווען די גאנצע צייט און ווי אזוי האבן מיר דאס איבערגעלעבט. מיר האבן זיי אלעס דערציילט. עס איז געווארן נאכט, האבן זיי אונדז געמאכט א געליגער אויפן אויוון און מיר זענען געגאנגען שלאפן. די נאכט איז ווערט געווען א סך געלט. מיר האבן זיך אויסגעווארמט די ביינער פאר דער גאנצער צייט, וואס מיר זענען געווען אין וואַלד. איך געדיינק, אז אורע מיט שיקען זענען גלייך אנשלאפן געווארן. איך האב נישט געקענט שלאפן, ווייל איך בין געווען אפגעוווינט פון אזא געליגער. איך בין געליגן לאנג ביז איך בין אנשלאפן געווארן. אין דער פרי האט מען אונדז צוגעגרייט עסן, קארטאפל מיט דער לופע און זויערע קרויט. דאס איז ווערט געווען גאלד. מיר האבן זיך דערקוויקט מיט דער זויערער קרויט. איך האב נאר געבעטן, אז איך זאל קענען דערלעבן און זיצן ביי א אייגענעם טיש און עסן וויפיל איך וויל. מיר האבן דאס אפגעעסן און מיר האבן זיי געדאַנקט. האבן זיי אונדז געענטפערט, אז מיר דארפן זיי נישט דאַנקען. מיר האבן באַשלאָסן, אז מיר וועלן זיך לאזן אין וועג און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די גויים און נאכאמאל זיי געדאַנקט און מיר זענען אוועק. ווי מיר גיין, זען מיר פון דער ווייטן ווי דריי קאוואלעריסטן רייטן צו אונדז. ווי זיי זענען אנגעקומען נענטער, האבן זיי געגעבן א געשריי: די הענט אין דער הויך! מיר האבן אויפגעהויבן די הענט און זיי האבן אונדז געפרעגט ווער מיר זענען. האבן מיר געענטפערט, אז מיר זענען יידן. האבן זיי אונדז געהייסן אראפלאזן די הענט און גיין מיט זיי. מיר זענען מיט זיי געגיין ביז דעם שטאַב, ווו עס געפונט זיך דער קאמאנדאנט פון די פארטיזאנער. ער האט אונדז געפרעגט, ווו מיר זענען געווען די גאנצע צייט, האבן מיר געענטפערט, אז מיר זענען געווען אין די וועלדער באהאלטן ווייל מיר זענען יידן. האט ער געזאגט, אז מיר קענען גיין ווו מיר ווילן און קיינער וועט אונדז נישט טשעפען און מיר זענען יעצט באפרייט פון די מערדערס. דערנאך האט שיקע און אורע געבעטן, אז זיי ווילן זיין פארטיזאנער. האט דער קאמאנדאנט זיי געענטפערט, אז זיי מוזן בלייבן מיט מיר. האבן זיי געזאגט, אז זיי ווילן גיין קעמפפן, זיי ווילן נישט בלייבן מיט מיר. האב איך אנגעהויבן וויינען און בעטן זיי, אז זיי זאלן בלייבן מיט מיר, אבער זיי האבן מיר נישט געעטנפערט. דער קאמאנדאנט האט מיר גענומען אין וואלד און ער האט געגעבן

איין שאס, ווען איך האב נישט באמערקט, און איך האָב זיך דערשראקן. האט ער מיר געזאָגט, אז איך קען מיט זיי נישט גיין ווייל איך בין נאך יונג. און זיי זענען אוועק מיט די פארטיזאנער און איך בין געבליבן אין וואלד ווידער אליין.

דאס זענען געווען צוויי טייערע פעטערס, וואס האבן מיר איבערגעלאזט. נאר איך בין שוין געווען געוווינט צו א זעלכע צרות. איך בין נישט געפאלן ביי זיך און איך בין אַוועק גלייך מיט דעם שליאַך און האב געזען אויפן וועג א סך רוסישע מיליטער און איך האב נישט געהאט קיין מורא. איך בין אריין אין דאָרף, וועלכער איז געווען פול מיט פארטיזאנער. בין איך צוגעגאנגען צו א פארטיזאן און איך האב אים געפרעגט ווו איז דער עלצטער, האט ער מיר געענטפערט, אז דער עלצטער געפונט זיך אין עק פון דארף. האב איך געזען, אז עס ווערט שפעט און ווו וועל איך דא גיין, בין איך צוגעגיין צו עטליכע פארטיזאנער און איך האב זיי געבעטן צו איך קען ביי זיי שלאָפן. האבן זיי מיר געפרעגט ווער איך בין, האָב איך זיי געענטפערט, אז איך בין א ייד און איך קום יעצט פון וואַלד. ווי איך האב אויסגערעט, אז איך בין א ייד, איז צו מיר צוגעגיין איינער פון זיי און מיר געזאגט: קום מיט מיר. בין איך מיט אים אריין אין שטוב און ער האט מיר גלייך געגעבן עסן און טרינקען טיי און ער האט מיר געזאגט, אז ער איז אויך א ייד. ער האט מיר געבעטן, אז איך זאל אים א ביסל דער־ציילן ווי אזוי איך בין געבליבן לעבן, האב איך אים דערציילט ווי איך בין געווען ביי דעם דייטש דורך אלע שחיטות און ווי אזוי איך האב געפירט דאס לעבן אין וואַלד. איך האב אים דערציילט, אז מיט מיר זענען געווען צוויי פעטערס און מיר האבן זיך געטראָפן מיט די פארטיזאנער און זיי האט מען גענומען און מיר נישט, דער קאמאנדאנט האט זיי געבעטן בלייבן מיט מיר אבער זיי האבן נישט געוואלט. ווי ער האט דאס געהערט, האט ער מיר גלייך געפרעגט צו איך ווייס ווו זיי זענען, און ער האט מיר געזאגט, אז איך זאל נישט זארגן און מיר זענען געגיין שלאפן. אין דער פרי האב איך זיך געטראָפן מיט דעם קאמאנדאנט און איך האב אים געבעטן, אז ער זאל מיר צונעמען צו זיינע פארטיזאנער. האט ער מיר געענטפערט, אז איך בין צו יונג און ער האט מיר געזאגט, אז מארגן שיקט מען פארטיזאנער צוריק ווייל זיי זענען פארווונדעטע וועל איך מיט זיי פארן.

איך האב געווארט ביז מארגן און איך בין אוועקגעפארן מיט די פארווונדעטע. אויפן וועג האבן זיי געשריגן און געקרעכצט, האב איך נישט געקענט ליידן און אראפ פונם וואגן און געבליבן אין דארף. ווי איך גיי אין דארף האב איך געטראפן עכלע, וועלכער איז געווען מיט אונדז אין וואלד. ער און נאך אייניקע זענען געווען מיט די פארטיזאנער, און זייער שטאב איז געווען אין דעם דארף. איך בין צוגעגיין צום שטאב, שטייט דארט א פאטראל ביי דער טיר און פארהאלט מיר און פרעגט מיר וואס איך וויל דא. האב איך געענטפערט אז איך וויל רעדן מיטן עלצטן. האט ער מיר געזאגט, אז יעצט טאר מען נישט ארייננגיין און ער האט מיר געפרעגט ווער איך בין. האב איך אים געענטפערט, אז איך בין א ייד פונם וואלד. ווי איך רעד קומט ארויס א מענטש און דער פאטראל שטייט אויף. האב איך גלייך פארשטאנען, אז דאָס דאַרף זיין א קאָמאַנדיר. בין איך נאך אים נאָכגעגיין און האב אים געזאגט: טאָוואַריש קאמאנדיר! איך האב א ביטע. האט ער זיך אפגעשטעלט און געפרעגט וואס איך וויל. האב איך אים געבעטן, אז ער זאל מיר צונעמען צו די פארטיזאנער, ווייל איך האב קיינעם פון מיינע טייערע און איך ווייס נישט ווו צו גיין. האט ער מיר געהייסן ווארטן. ער האט מיר געזאגט, אז באלד וועט ער קומען צוריק וועט ער מיט מיר רעדן. איך האב צוגעווארט א ביסל ביז ער איז געקומען און ער האט מיר אריינגערופן אין צימער, ווו ער איז געזעסן און מיר געהייסן זיך אוועקזעצן. ער האט מיר געפרעגט פארשידענע פראגן און איך האב אים אלעס געענטפערט. האט ער מיר געזאגט, אז צונעמען קען ער מיר נישט, נאר זיי וועלן דא זיין אפשר א פאר טעג אדער צוויי וואכן, קען איך דער ווייל זיין מיט זיי. האב איך געענטפערט: זאל זיין צוויי וואכן. ער האט אריינגערופן דעם סאלדאט, וואס איז געשטאנען אויף דער וואַך, און ער האט אים געזאגט, אז ער זאל מיר אריינפירן אין א צימער. מ׳האט מיר אריינגעפירט אין צימער, ווו עס זענען געווען אקלע מיט נאך א פאר פארטיזאנער און איך בין מיט זיי געווען א געוויסע צייט, ביז מ׳האט זיי גענומען באנאכט ווען איך בין געשלאפן און איך האב נישט געהערט ווען זיי זענען אוועק. אז איך בין אויפגעשטאנען אוןן קיינעם נישט געטראפן אין שטוב, בין איך גלייך ארויס צום שטאב און דארטן איז אויך קיינער נישט געווען. האב איך זיך אפגעש־טעלט און געקלערט וואס זאל איך מאכן און האב באשלאסן גיין פארויס.

איך האב געטראפן דאבען, וואס איז דארט געווען מיט דער באבע. בין איך מיט איר אריין אין שטוב, ווו עס איז געווען אויך פייגע סטאָלער. ווען די באבע האט מיר געזען, האט זי אנגעהויבן צו וויינען און האט מיר געפרעגט ווו איך בין געווען. איך האב איר דערציילט, אז ווען מיר זענען געווען נעבן טייך האט מען אויף אונדז געשאָסן און מיר זענען זיך צולאָפן. איך האב איר אויך דערציילט וועגן אורען און שיקען, וואס האבן מיר איבערגעלאזט און געגיין מיט די פארטיזאנער. די באבע האט מיר דערציילט, אז די פארטי־זאנער האבן געהרגעט ינקעלען מיט אלטעס ברודער הערשל, ווייל די פאליאקן, וואָס האבן אונדז געבעטן אנטלויפן, האבן זיי דערקענט און האבן דערציילט די פארטיזאנער, אז יענקעלע און הערשל האבן געהאָלפן די באנדעראוועצעס... עס איז געווארן נאכט, בין איך געשלאָפן מיט דער באבע און מיט דאבען. אין דער פרי, ווי איך בין אויפגעשטאַנען, האבן מיר די גויים דערציילט, אז נישט ווייט פון דאַניט געפונען זיך א סך יידן אין וואַלד. בין איך געגיין, אפשר וועל איך טרעפן באקאנטע פון דער מאמעס זייט. ווען איך בין אנגעקומען אין וואלד, האב איך געזען, אז מענטשן האבן

געלעבט אין וואַלד אין שטיבער און אין בעטן ווי אין דער היים. איך בין געווען מיט זיי איבערנאַכט און אין דער פרי בין איך געגיין צוריק צו דער באבע און בין געבליבן מיט זיי עטליכע טעג. דערנאָך זענען מיר אוועק אין א צווייטן דאָרף, ווו מיר זענען געווען אפשר צוויי מאנאטן, אין וועלכע איך האב דורכגעלעבט א סך. איך געדיינק, אז דאבע איז געווארן שטארק קראנק אויף טיפוס, אז עס איז געווען א סכנה פאר איר לעבן. אין שטוב איז געווען קאלט און זי האט געהאט גרויסע היץ אז זי פלעג רעדן פון היץ. איך מיט אהרלען זענען געגיין זוכן עסן און האָלץ אויף צו וואַרעמען. באנאכט פלעגן דורכגיין יונגע שקצימלעך און וואַרפן שטיינער אין טיר און מיר פלעגן די גאנצע נאכט נישט שלאפן פאר שרעק. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געהאט מורא וועגן דאבען, ווייל זי האט געהאט גרויסע היץ און זי פלעג אראפגיין פונם געליגער און ארומגיין אין מיטן שטוב און רעדן פון היץ.

איין מאל, ווי איך בין געגיין מיט אהרלען בעטן עסן, האט אונדז א פאליאק געזאגט, אז נישט ווייט איז דא א רוסישע מאַשין, וואָס גרייט זיך אין וועג קיין קאָסטאָפּאָל. האבן מיר געבעטן דעם שאָפער ער זאל אונדז נעמען קיין קאסטאפאל, האט ער אונדז געענטפערט, אז ער פארט אין דער פרי און ווען מיר וועלן קומען וועט ער אונדז נעמען. איך מיט אהרלען זענען פאר גרויס פרייד געלאפן ביז דער שטוב און מיר האבן דאס דערציילט און זיי האבן אלע אנגעהויבן וויינען פאר פרייד. די נאכט האבן מיר נישט געקענט שלאפן. מיר האבן געוואלט, אז עס זאל שוין זיין אין דער פרי און מיר זאלן קענען זיך לאזן אין וועג. ווען עס איז געווארן א ביסל ליכטיק, זענען מיר צוגעגיין צו דער שטוב, ווו דער שאפער איז געשלאפן אין געשטאַנען אין דרויסן ביז ער וועט אויפשטיין. אריין אין שטוב און מיר האבן געוואַרט, ביז דער שאפער האט געענדיקט פאריכטן די מאשין, און מיר זענען אוועקגעפארן.

אויפן וועג האט זיך די מאשין נישט געוואלט אנצינדן... אבער ער האט זי פאריכט און מיר זענען געפארן ווייטער.

דאס איז געווען אנפאנג 1944. מיר זענען אָנגעקומען קיין קאסטאפאל און מיר זענען די נאכט איבערגעשלאפן ביי א פאליאק און אויפן צווייטן טאג זענען מיר אריבער צו א יידישער משפחה, וואס איז שוין געווען לאנג אין קאסטאפאל. עס איז געווען שוואַך מיט עסן, בין איך מיט דאבען ארויס צווישן די פאליאקן בעטן עסן. ווי מיר זענען געווען עטליכע טעג, איז אהרלה שטארק קראנק געוואָרן אויף טיפוס. איינמאל בין איך ארויס צו די פאליאקן און האב געבעטן, אז זיי זאלן מיר געבן עפעס אנטון. איינער האט מיר געגעבן א פאר הויזן, דער צווייטער האט מיר געגעבן א רעקעלע, און דער דריטער האט מיר געגעבן א פאר שטיוול. איך בין אוועק צוריק אין שטוב און איך האב זיך ארומגעוואשן און זיך אנגעטון, האב איך ערשט געפילט אז איך בין א פרייער מענטש. איך בין צוגעגיין צום וואגזאל און בין אוועקגעפארן קיין ראָוונע. ווען איך בין אנגעקומען קיין ראָוונע, האב איך געזען ווי מענטשן גיין בין איך געגיין נאך זיי. איך האב געזען א סך עראפלאנען פליען ארום איבער דער שטאט, האב איך זיך דערשראקן, געכאפט די פיס און געלאפן צוריק צום וואגזאל. איך האב געטראפן א באן קיין קאסטאפאל און איך בין אוועקגעפארן. ווען איך בין געקומען, האבן זיי אפילו נישט געוווסט אז איך בין געווען אין ראָוונע. צומארגנס בין איך ווייטער אוועקגעפארן. דעם טאג האב איך געטראפן אין ראָוונע שיקען מיט אורען. איך האב זיך געמאכט אז איך זע זיי נישט און איך בין ווייטער געגיין. זענען זיי צו מיר צוגעלאָפן און מיר אפגעהאלטן און מיר נישט געלאזט גיין. האב איך זיך פאר גרויס ווייטיק צוויינט און געזאגט: ווי קענען אייגענע פעטערס טון וואס איר האט געטון, האבן זיי נישט געהאַט וואס צו ענטפערן. ווען איך האב זיי דערציילט, אז די באבע איז אין קאסטאפאל מיט דאבען און מיט אהרלען, האבן זיי מיר געבעטן איך זאל מיט זיי פארן זיי ווייזן ווו די באבע געפונט זיך. איך האב זיי געבראכט קיין קאסטאפאל צו דער באבע. זי האט זיך זייער געפרייט און געזאגט, אז ווען איך גיי ארויס ברייננג איך גוטע נייעס. מיר זענען געווען צוזאמען אפשר צוויי וואכן און מיר האבן באשלאסן, אז מיר וועלן פארן קיין ראָוונע און פון דאָרט, אויב עס וועט זיין שטיל, וועלן מיר פארן קיין טוטשין. ווי מיר נעמען די זאכן און מיר זענען אוועק אויפן וואגזאל ווארטן אויף א באן, האבן מיר זיך געטראפן מיט א אפיציר און ער האט אונדז געזאגט, אז זיי אטסטופאיען צוריק און ער ראט אונדז, אז מיר זאלן בעסער פארן קיין קיעוו. און מיר האבן אזוי געטון.

אויפן וועג האבן מיר נישט געהאַט קיין עסן און מיר האבן געזען אלעס צוקלאפט פון דער קריג. ווען מיר זענען מיט גאטס הילף געקומען קיין קיעוו זענען צוגעגיין צו אונדז צוויי פאליציאנטן און געפראגט אויף דאקומענטן. האבן מיר געענטפערט, אז מיר האבן נישט ווייל מיר זענען יידן פון וואלד. האט מען אונדז אוועקגעפירט אין וואָיענקאַמאַט און מ'האט צוגענומען שיקען מיט אורען אין א צווייטן צימער. איך מיט דער באבע זענען געבליבן אין ערשטן צימער. זיי זענען געווען אפשר א האלבע שעה און זענען ארויס און האבן דערציילט, אז זיי מוזן גיין אין מיליטער. האט די באבע אנגעהויבן וויינען. האט מען ערליידיקט, אז אין צוויי וואכן ארום וועט מען זיי נעמען אין מיליטער. שיקע איז אריין צו איינעם פון וואָיענקאמאט און אים דערציילט, אז ער האט א סך זאכן פארגראבן אין טוטשין און ער וויל פארן דאס ברייגנען. האט ער געקריגן א דאקומענט, אז ער קען פארן דאס ברייגנען. ער איז אוועקגעפארן און האט אונדז געזאגט, אז מיר זאלן זאגן דאס זעלבע. די צייט וואס איך בין געווען אין קיעוו האב איך זיך פארשריבן אין א שולע צו לערנען אויף אפיציר. אבער דערווייל זענען נישט געווען גענוג קינדער. האט מען אונדז אריינגעפירט אין א פאבריק צו קלייבן בלעכן און צונויפלייגן אין א זייט. איך האב געקריגן א קאַרטע און פלעג קריגן א האלבע קילאָ ברויט אויף איין טאג, וועלעכס מען האט נישט געקענט עסן. האב איך זיך געקלערט, אז אין וואלד איז מיר געווען בעסער

ווייל איך האב געהאט וואס צו עסן. איך האב געזאגט צו זיך: גענוג אז איך בין געווען אין די וועלדער דארף איך נאך פארזיכן דעם טעם פון קיעוו.

איך מיט אורען האבן געקריגן א דאקומענט, אז מיר פארן מיט דער באבע צוריק קיין ראוונע. מיר זענען אוועק אויפן וואגזאל און געווארט אויפן באן. דער באן איז געפארן 10 קילאָמעטער א טאג, ווייל די גאנצע וועג איז געווען פאר־נומען מיט מיליטער. אזוי האבן מיר זיך געשלעפט ביז סאַרנע. מיר זענען אוועקגעגיין אין שטאט און זיך נאכגעפרעגט צו זענען נאך דא יידן. האבן מיר געפונען אייניקע יידן און מיר זענען אריין צו זיי א ביסל זיך אפרוהן פון וועג. מיר זענען דארטן געווען אפשר צוויי טעג. מיט א מאל זענען אנגעקומען דייטשישע עראפלאנען און מ׳האט צוקלאפט דעם וואגזאל פון סארנע. ווי עס איז געווארן שטיל האבן מיר זיך פארנומען און מיר זענען אוועק אויפן וואגזאל, וווּ מיר האבן געווארט א גאנצע נאכט. אין דער פרי איז געקומען די באן און געווארט א גאנצן טאג און באנאכט זענען מיר אוועקגעפארן. אויפן וועג האט מען געמאכט א קאנטראל און מ׳האט אראפגענומען די באבע מיט אורען. איך האב זיך באהאלטן און בין ווייטער געפאָרן. ווען איך בין אנגעקומען קיין קאסטאפאל, בין איך אראפ און צוגעגיין צו דאבען מיט די קינדער, אָבער איך האב קיינעם נישט געטראפן, בין איך אוועק צוריק און אוועקגעפארן קיין ראוונע. אין ראוונע האב איך באגעגנט דאבען און זי האט מיר געבראכט צו דער באבע. זי האט מיר דערציילט, אז אורען האט מען גענומען אין מיליטער.

ווען איך בין געווען ביי דאָבען, פלעג איך גיין יעדן טאג צו דעם וואגזאל. עס פלעגן קומען טשעכישע מיליטער פלעג איך בעטן געלט פון זיי. זיי פלעגן מיר גיבן א סך, ווייל צווישן מיליטער זענען געווען א סך יידן. איך געדיינק, אז איך האב צונויפגענומען אפשר א פאר טויזנט רובל און איך בין גלייך אוועק פון וואגזאל אין מארק און האב געקויפט א פאר שטיוול מיט הויזן און העמדער און אונטערוועש. איך בין אוועק אהיים און האב זיך אפגעוואשן און זיך אנגעטון און געווארן א נייער מענטש. איך בין געווען צופרידן, אז איך בין יעצט גלייך מיט אלע און איך בין פריי, פריי, פריי. איך האב שוין נישט מורא פאר קיינעם, נאר איך באדויער, וואס איך האב נישט מיינע עלטערן. אזוי האב איך זיך געדרייט אין ראָוונע און פלעג ארויסגיין אין מארק קויפן פון אייינעם און פארקויפן א צווייטן און פלעג פארדינען געלט.

משה שף

58. ביקור בטוטשין אחרי החורבן

בראשית חודש אוגוסט 1945, זמן לא רב אחרי גמר המלחמה, בקרתי במשך 15 שעה בעיירתנו טוטשין.

הדרך מרובנה לטוטשין כבר הראתה סימנים של חורבן. בהגיעי לטחנת־המים שעל שפת הנהר הורין ראיתי את הגשר והטחנה השרופים עד עפר. היה זה יום קיץ יפה. בימים הטובים היו ביום כזה נמצאים כאן על שפת הנהר מאות צעירים וצעירות. היום היה הכל מת. המשכתי הלאה, בהס־תכלי לשני צדי הכביש, במקום שהיו כמה בתים יהודיים, אך לא ראיתי אף נפש יהודי. בעברי דרך ביתו של שמאי שטיינ־גולד נזכרתי שהייתי מבקר אצל בנו יעקב (אחרי כן היה אתי בצבא האדום ונפל בחזית הרוסית־גרמנית). הבית היה בקרשים... הגעתי לבית של לאה גרשון׳ס, שם שכבו חיילים רוסיים במקום שלפנים פעמו חיים יהודיים. בעברי לבדי על פני חולות „דער זאמד" אל העיירה נזכרתי בפנים היהודיים אשר היו מציצים מבעד לחלונות. עתה נראה המקום כבית קברות. הגעתי לבית המועצה וראיתי כי מספר הבתים לפני הכנסיה אינם עוד. העיירה היתה שרופה, ואם נשאר לפליטה בית אחד, הרי האוקראינים שדדוהו. החנויות היו ללא גגות, הדלתות קרועות ואף נפש יהודי לא נראתה. השוק שפעם המה והיה מלא חיים נראה גם הוא כבית קברות. עמדו שם כמה גויות עם ירקות, אולם לא נראו לידן היהודיות שהיו תמיד קונות אצלן.

כך המשכתי בדרכי עד שהגעתי לביתנו. לצערי הגדול עמד הבית על תלו. הייתי מרגיש טוב יותר אילו היה שרוף יחד עם כל הבתים היהודיים ולא הייתי רואה אותו עם דייריו החדשים שירשו את משפחתי — אוקראינים מבני המקום. כשנכנסתי לתוך הבית הכירני הגוי ובהרגשת רחמנות או בהרגשת פחד הציע לפנות לי את הבית. בכאב עצור הרגעתיו כי אינני נשאר בטוטשין והוא יכול להמשיך לגור שם. בבית החרושת נמשכה העבודה כרגיל תחת הנהלתו של אוקראיני ידוע. השכן יוסיף עשה מן הרפת וסביבתה שדה מרעה. כשנגשתי וברכתיו לשלום לא הפנה אפילו את פניו. לבטח התפלא מאין באתי לעולם החיים ומה מעשי בעולם החפשי... בבושת פנים עזבתי את המקום והמשכתי בדרכי. פגשתי גויים מכרים וכולם הסתכלו בי כבאדם מיותר בעולם הזה. במשך כל אותן השעות לא ראיתי אף יהודי אחד, ונזכרתי ביום שבת או יום טוב טיפוסיים בעבר, כשהמבוגרים באים מבית הכנסת, והצעירים גם הם לבושי חג, פנים עליזים יוצאי תנועות ציוניות שונות. כל זה נכחד כאילו לא היה מעולם.

כך נראה הכל אחרי החורבן בחזרי לביקור „הביתה"... לא היה למי לומר שלום ולא היה היכן ללון לילה או לאכול צהריים. בפנים עצובים ונפולים עזבתי את טוטשין, עיר נעורי, והמשכתי הלאה ברגל. לא היה במה לנסוע. לא היה זעליג ברען עם מכוניותיו. גם בעלי העגלות שהיו נוסעים בקו רובנה לא היו עוד. בהגיעי לרובנה מצאתי יהודים ספורים מכל העיירות בסביבה.

יצחק גילברג

59. מיינע איבערלעבונגען

נאָך דעם אומקום פון די טוטשין־קריפּער יידן, האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף מיקולין. אומגערעכט האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט מיין ברודערס פרוי שרה מיט אירע צוויי קינדער ראובן און מיכלע. האָב איך איר פאַרגעלייגט, אַז אַזוי ווי מיט ביידע קינדער וועט איר זיין שווער זיך אויס־באַהאַלטן, לכן וועל איך נעמען מיט מיר דאָס יונגל, און אויב איינער פון אונדז וועט בלייבן לעבן וועט אויך איינס פון די קינדער בלייבן לעבן. זי האָט מסכים געווען און אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט אין יאָר 1942.

דאָס יונגל, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען צוועלף יאָר, איז געווען זייער אַ קלוגער אָבער אַ צופּיעשטשיטער. ער האָט זיך ניט געקענט צוגעוווינען צום וואַלד לעבן. ער האָט געטענהט אַז ביי זיי אין שטוב וווינט אַ גוי, זיין פאָטערס אַ גוטער פריינט, וועט ער אונדז אויסבאַהאַלטן ביי אים אין קעלער. וויפיל איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלע נעכטיקע פריינט זענען היינט אונדזערע בלוטיקע שונאים, וואָס ווילן אונדז אומברענגען כדי אונדז אפּירשענען, האָט גאָרניט געהאָלפן. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען אויף קולות, אַז מיר זאָלן נאָר גיין אַהיים. דאָס איז פאַרגעקומען אין קריפּער וואַלד, וועלכער איז ניט איבעריק גרויס און זייער שיטער, זענען זיינע קולות דערגאַנגען צו די ארומיקע פאַסטוכער, וועלכע זענען אָנגעקומען און געוואָלט אונדז אומברענגען. דערזעענדיק אָבער, אַז איך האָב ארויסגענומען אַ רעוואָלווער פון דער קעשענע, זענען זיי זיך צוריק צולאַפן.

איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז פון דעם פּלאַץ מוזן מיר זיך אָפּטראָגן, ווייל מאָרגן וועלן אונדז גוי״ס באַזוכן אנדערע. מיר זענען אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג און זיך באַהאַלטן אונטער אַ געדיכטן קאָרטש. שוין גלייך באַגינען הערן מיר ווי דער וואַלד איז פול מיט גויים און מיט הינט, און זייערע קולות דערנעענטערן זיך צו אונדז. איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, נאָר בלייבן אויפן זעלבן פּלאַץ און אָבסערווירן, און אויב זיי וועלן זיך דער־נעענטערן צו אונדז וועל איך שיסן אין זיי. צום גליק האָבן זיי אונדז אויסגעמיטן און אַוועק איז אַ אַנדער ריכטונג. אין דעם האָט זיך דער הערט אַ שטאַרק געוויין פון אַ פרוי, וואָס האָט זיך ביי זיי געבעטן זיי זאָלן איר ניט הרגענען, אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די פרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, אַז דאָס איז געווען סימע סראליקס (מלמד), וואָס איר מאַן האָט מען שוין פריער געהרגעט. איך האָב זיך אויך דערוווסט, אז די גויים ווייסן, אז איך געפון זיך אין וואַלד און האָבן זיך פאַרנומען מיר כאַפּן און הרגענען אָבער איך האָב ניט געהאַט ווו צו לויפן.

עס איז געווען הערבסט 1942. די רעגנס האָבן זיך געשטאַרקט און זיך איינגעגעסן אין די ביינער. דאָס ביסל ברויט האָט זיך אוסגעלאָזט און די קעלט האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. ראובן, וועלכער איז געווען בעז און נערוועז, האָט גענומען פאָדערן, אַז נאָך היינט באַנאַכט מוזן מיר פאַר־לאָזן דעם וואַלד, אויב ניט וועלן מיר דאָ שטאַרבן. איך האָב אים געפאָלגט און ביינאַכט זענען מיר ארויס פון וואַלד. מיר האָבן זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך אריינגעכאַפּט און אַ שטוב און געבעטן עסן. דער גוי האָט אונדז פריינטלעך אויפגענומען און דערלאָנגט עסן. אין דעם האָב איך באַמערקט ווי דער גוי הויבט זיך אויף פונעם פּלאַץ און לאָזט זיך צו דער טיר. זעענדיק זיינע צוויי גזלנישע אויגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער גייט נעמען אַ כלי אויף אונדז אומברענגען. איך האָב אים שטרענג צוריקגערופן און אויסגעשטרעקט צו אים דעם רעוואָלווער. די פאַרב אין פנים האָט זיך ביי אים געענדערט און זיך גענומען בעטן איך זאָל אים ניט שיסן. אויך די פרוי האָט זיך גענומען צלמען און בעטן און אַ פּאָר קליינע קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען. איך האָב געפאָדערט צוויי ברויט און נאָך קלייניקייטן און מיר האָבן פאַרלאָזט די שטוב.

טויט מידע און דורכגענעצטע האָבן מיר זיך קוים דער־שלעפּט צו דער נאַרע, ווו מיר זענען געליגן איבער אַ חודש און גלייך שטאַרק איינגעשלאָפן. צומאָרגנס האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט דערהערנדיק אַ גרויסן רעש. איך האָב זיך ארומגעקוקט און באַמערקט אפשר 30 גויים דערנעענטערן זיך אין אַ האַלב־ראָד און מען קעמט דורך יעדער ביימעלע. אַז איך האָב געזען, אַז עס איז שוין ניטא ווען און ווו צו לויפן, האָב איך געזאָגט צו ראובנען, אַז איידער אַריינפאַלן אין די מערדערישע הענט האָב איך באַשלאָסן זיך אַליין צו שיסן און דערנאָך זאָל ער זיך שיסן. האָט ער גענומען טענען, אז איך זאָל פריער אים שיסן און דערנאָך זיך, ווייל ער וועט זיך ניט קענען שיסן. זעענדיק אַז איך וועל מיט אים גאָרניט קענען מאַכן, האָב איך אַרויס גענומען פון דער טאָרבע צוויי האַנט־גראַנאַטן, וואָס איך האָב באַקומען ביי אַ רוסישן סאָלדאַט צו זאַמען מיטן רעוואָלווער, און האָב באַשלאָסן איינעם וואַרפן אויף די גויים און דעם אַנדערן צווישן אונדז ביידע. אָבער אַזוי ווי איך האָב אויף זיי געוואָרפן דעם גראַנאַט, זענען זיי זיך צולאָפן אין גרויס בהלה, איבערלאָזנדיק נאָך זיך צוויי געהרגעטע און אייניקע פאַרוווּנדעטע.

נאָך דעם געלונגענעם שלאַכט זענען מיר אַוועק אין ראָסניקער וואַלד, וואָס איז נאָך קלענער פונם קריפּער אָבער געדיכטער. דאָרט זענען מיר געליגן ביזן טיפן ווינטער, די פרעסט און שנייען האָבן זיך איינגעגעסן אין אונדזערע ביינער און די גלידער זענען פאַרשטייפט געוואָרן. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז שוין אונדזער סוף. ווען דאָס עסן האָט זיך אויסגעלאָזט, האָבן מיר נ״ט געהאַט קיין אַנדער ברירה נאָר שטאַרבן אין וואַלד פון הונגער און קעלט, אָדער ארויסגיין ביינאכט זוכן עפּיס צו עסן, זיך אָנוואַרעמען און אפשר אויך איבער־

טוישן אַ בגד, וואָס איז שוין פֿאַרפֿוילט און צוריסן אויף שטיקער בלויז פֿונם קראַצן. אָבער צו וועמען קען מען גיין, אַז יעדער אוקראַינער איז אַ מערדער?! שפּעט ביינאַכט האָבן מיר פֿאַרלאָזט דעם וואַלד און זיך געלאָזט גיין מיט די פֿעלדער ביז מיר האָבן באַמערקט אַ גרויסע גרופּע בענדעראָווצעס. מיר האָבן אָובערגעוואַרט ביז זיי זענען אַוועק און דאַן האָבן מיר זיך קוים לעבעדיקע דערשלאָגן ביז צו דער ערשטער שטוב אויף די קריפּער כוטאָרעס און מיט שרעק אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער גוי איז אַראָפּ פֿון געלעגער און געעפֿנט די טיר און ווען ער האָט אונדז דערזען האָט ער מיר דערקענט און אַריינגעלאָזט. ער האָט פֿאַרהאַנגען די פֿענסטער און געהייסן דער גויע אָנוואַרמען מילך און דערלאַנגען ברויט. אָבער ער האָט אונדז געוואָרנט, אַז ער קען אונדז ניט האַלטן ווייל ער האָט מורא. האָב איך זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל אונדז לאָזן איבערזיצן איבערן טאָג, ווייל מיר קענען ניט גיין אויף די פֿיס. זענען מיר איבערגעליגן ביי אים אויפֿן בוידעם דעם גאַנצן טאָג און ביינאַכט האָבן מיר געמוזט פֿאַרלאָזן. די גויע האָט אונדז מיט געגעבן ברו־ט און אַנדערע זאַכן צום עסן און מיר זענען אַוועק.

פֿונעם גויס רייד האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אַלע אַרומיקע גויים זוכן נקמה נעמען אין מיר פֿאַר מיין אויפֿפֿירן זיך קעגן זיי אין וואַלד און אַז איך מוז בייטן די געגנט. איך האָב באַשלאָסן, אַז נאָך די זעלבע נאַכט וועלן מיר צוריקגיין אין דאָרף מיקולין, ווו איך האָב זיך אויפֿגעהאַלטן נאָך דער שחיטה, אָבער מיר זענען אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿון דעם פּלאַן. דעם גאַנצן וועג האָט מיר געמאַטערט אַ טויט־מידער שלאָף מיט שווערע חלומות, אין וועלכע מיין פֿאָטער און ברודער גדליה האָבן אונדז שטרענג געוואָרנט, אַז אין מיקולין דראָט אונז אַ געפֿאַר און אַז מיר זאָלן גיין לינקס מיט דער סטעזשקע באַרג אַרויף, ווו מיר וועלן געפֿונען אַ זיכערן פּלאַץ...

מיר זענען אַרויף אויפֿן באַרג, ווו דער וועג לינקס האָט געפֿירט צו איוואַן פּעקאַטש, וועלכער איז געווען אַ אָפּטער אַריינגייער ביי מיר אין שטוב. אָבער זיין פּרויס ברודער יעקב צילוק איז געווען באַקאַנט אַלס אַ באַנדיט און זיין ברודער טיכאָן אויך. אַזוי אַרום האָב איך זיך געשראָקן צו גיין צו פּעקאַטשן. דערווייל האָב איך באַמערקט, אַז גלייך פֿאַראויס לייכט זיך אין אַ שטוב און ניט ווייסנדיק, אַז די אַרומיקע שכנים האָבן מיך באַמערקט, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין פֿענסטער. מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט און אופֿגענומען מיט עסן, אָבער אין דעם האָט דער גוי באַמערקט ווי עס לאָזן זיך צום שטוב אפשר אַ צוואַנציק גויים מיט העק און מיט קאָסעס. האָב איך אופֿגעמאַכט די טיר און זיי באַפֿוילן זיך צוגיין אויב ניט וועל איך שיסן. אָבער זיי האָבן זיך נ־ט איבעריקס דערשראָקן און זיך אַ לאָז געטון צו מיר. האָב איך אָנגעהויבן שיסן, פֿון וועלכן אייניקע זענען געפֿאַלן און די איבעריקע זענען זיך צולאָפֿן. איך בין אויך אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג און ווען איך האָב באַמערקט אין פֿעלד אַ גרויסע סטערטע גנוי, האָבן מיר זיך דאָרט איינגעגראָבן און איבערגעליגן ביז נאַכט.

ענדלעך זענען מיר לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן און זיך געלאָזט גיין אין טויטער שטילקייט. נאָך אַ צייט באַמערקן מיר אַ שטוב און מיר לאָזן זיך גיין צו איר. א הינט אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שטאַרק בילן און פּלוצים עפֿנט זיך אַ טיר און אַ גוי רופֿט אונדז אַריין — דאָס איז געווען איוואַן פּעקאַטש. דער גוי און זיין פֿרוי האָבן זיך מיט אונדז דער פֿרייט און געזאָגט, אַז גאָט אַליין האָט אונדז געבראַכט צו זיי אין הויז. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט אויסבאַהאַלטן און ווען עס וועט זיין אוממעגלעך ביי זיי, דאַן וועלן אירע ברידער יעקב און טיכאָן צילוק אונדז נעמען צו זיי. הערנדיק זייערע נעמען איז מיר דורך אַ שוידער איבערן לייב, אָבער איך האָב געשוויגן. די פֿויערטע האָט אָנגעוואַרעמט וואַסער און מיר האָבן זיך אָפּגעוואַשן און מען האָט אונדז געגעבן ריינע בגדים אָנצוטון און דאַן דערלאַנגט עסן. דער גוי האָט מיר בשעת מעשה דערציילט ווי דער דייטש ליידט מפּלות אויפֿן פֿראָנט און אין גיכן וועלן די רוסישע קומען און אונדז באַפֿרייען. זיי ווילן זיין דעריבער די גליקלעכע און ווייזן, אַז זיי האָבן אויסבאַהאַלטן דעם לעצטן יידן פֿון קריפּע.

דערווייל איז געוואָרן טאָג און מען האָט אָנגעהויבן זוכן פֿאַר אונדז אַ באַהעלטעניש. צייטווייליק האָט מען אונדז געלייגט אונטערן אויוון און אויף דער צווייטער נאַכט האָט מען אונדז אויסגעגראָבן אין קוטש אַ גרוב, אַז מיר זאָלן אויך קענען זיצן און מען האָט דעם גרוב גוט פֿאַרמאַסקירט. אייניקע מאָל פֿלעג זיך אַריינכאַפּן אַ באַנדע בענדעראָווצעס און עס איז זיי אפֿילו ניט איינגעפֿאַלן, אַז פֿאַר זייער נאָז באַהאַלטן זיך אויס יידן. איך האָב מיר געפֿילט אומבאַקוועם, אָבער אַוועקגיין האָט זיך ניט געגלוסט, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער פּלאַץ. מיט יעדן טאָג זענען אָנגעקומען בעסערע ידיעות פֿונם פֿראָנט און דער זעלבער מאָס זענען די בעלי־בתים געוואָרן בעסער און פֿריינטלעכער צו אונדז. איינמאָל אַ זונטיק אויף דער נאַכט איז געקומען צו פֿאָרן דער גויעס ברודער יעקב צילוק און אַזוי טרינקענדיק איז מען אַרויף אויף דער טעמע פֿון מיר און די גויע האָט אים דער ציילט, אַז איך געפֿון זיך ביי זיי. ער האָט דורכאויס געפֿאָדערט, אַז ער וויל מיר זען, און אַזוי איז געווען. ער האָט מיך גלייך געוואָלט נעמען צו זיך, אָבער די גויע האָט ניט מסכּים געווען. עס איז נאָר אָפּגעשמיסט געוואָרן, אַז אין פֿאַל אין דער געגנט וועט ווערן אומרוהיק זאָל מען אים באַפֿוילן און ער וועט קומען מיך נעמען.

איינמאָל, ווען זיי זענען געקומען פֿון קלויסטער און דער ציילט די נייס וואָס זיי האָבן דאָרט געהערט, האָבן זיי אונדז איבערגעגעבן, אַז אין מיקולין האָט מען געזען מיין שוויגערן שרה מיטן מיידל. ראובן האָט זיך באַלד צו וויינט, אַז ער וויל גיין זען די מוטער, מיר האָבן אים קוים איינגעשטילט און איך האָב אים צו געזאָגט, אַז אַ ביינאַכט

וועל מיר גיין קיין מיקולין. איך האָב קיין חשק ניט געהאַט צו גיין און די בעלי־בתים האָבן אונדז אויך ניט צוגערעדט. אָבער ראובן איז געוואָרן זייער צודרינגלעך און גערדראָט, אַז ער וועט גיין אַליין. ניט וועלנדיק אים לאָזן אַליין גיין האָב איך געמוזט מסכים זיין און 12 ביינאַכט האָבן זיך ארויסגעלאָזט אין וועג אריין. צום אומגליק איז די נאַכט געווען זייער אַ ליכטיקע, דער שניי האָט געגלאַנצט און די לבנה האָט געשיינט ווי בייטאָג. מיר זענען געגאַנגען מיטן וואַלד און דורך די פעלדער. ארויסגייענדיק פון וואַלד זעען מיר בערך אַ 100 מעטער פון אונדז גייען דריי מענטשן. ווען זיי האָבן אונדז באַמערקט, האָבן זיי גענומען שרייען צו אונדז: „שטיי, ווער גייט דאָרט?!" מיר האָבן ניט געענטפערט, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן צו אונדז און מיר לויפן אויך איבער די פעלדער וויפיל די כוחות טראָגן. זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף אונדז און איך האָב געשאָסן צוריק ביז זיי זענען אוועק.

דאַן האָב איך דערשפּירט אַ קעלט אין דער לינקער פוס. איך קוק מיר צו איז די פּאָדעשווע פון שטיוול אינגאַנצן ניטא און פון דער פּוס רינט בלוט. דאָס האָבן זיי מיר אַראָפּגעשאָן די פּאָדעשווע און די פוס געראַנירט. איך האָב פאַרגעזעצט דאָס גיין מיט דער באָרוועסער פוס אין שניי און איבער דעם פאַרפרוירענעם האַרין ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין מיקולין אַ שעה צוטאָג. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין פענסטער פון מיקאָלאַי יאַנטשיק, און ווען ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און מיך דערזען, האָט ער זי אַ דערשראָקענער צוריק צוגעמאַכט און זיין מוטער האָט זיך גענומען צלמען פאַר פחד, ווייל זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ טויטן, הערנדיק אין קלויסטער אַז יעקב צילוק האָט מיך געהרגעט, ווו ער האָט בכוונה אַדויסגעלאָזט אַ פּאַגלאָסקע פאַר מיין זיכערקייט וועגן. ענדלעך האָט ער זיך באַרוהיקט און מיר דערציילט, אַז מיין שוויגערין מיטן מיידל האָט מען באַלד געכאַפּט און זיי אכזריותדיק דער הרגעט. ענדעקנדיק זיין דערציילונג האָט ער אונדז געהייסן גיין, ווייל דאָ האַלטן זיך אויף פול בענדעראָוועצעס, וועלכע וועלן אונדז אומברענגען מיט זיי צוזאַמען.

מיר האָבן זיך קוים איינגעבעטן ער זאָל אונדז לאָזן איבערזיין ביז ביינאַכט און דאַן וועלן מיר פאַרשווינדן. מיר זענען אריין אין קלוניע ווו זיין מוטער האָט אונדז געבראַכט אַ וואַרעמען פרישטיק און דערנאָך האָבן מיר זיך טיף איינגענורעט אין אַ קופּע פּאַלאָווע, ווו מיר זענען אָפּגעשלאָפן גאַנצע דריי מעת־לעת. אויף דער דריטער נאַכט האָב איך דערהערט אַ באַוועגונג און באַמערקנדיק, אַז דאָס איז דער אַלטער פאָטער, האָב איך אים געפרעגט ווי שפּעט איז יעצט. דער גוי איז געוואָרן בלאַס ווי אַ טויטער און דער לאַמטערן איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט און קריכנדיק אויף אַלע פיר איז ער ארויס פון דער קלוניע. אין דעם איז אנגעקו־מען מיקאָלאַי אויך אַ דערשראָקענער און קוקט אונדז אָן פאַרוווּנדערט. ער האָט מיר דערציילט מיט אַ האַלב געליימטן צונג, אַז דעם זעלבן טאָג האָט אונדז זיין מוטער אַריינגעטראָגן מיטאָג און מיר זענען שוין ניט געווען אין קלוניע און ווי

